בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**1-718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**1-845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
**1-845-243-0563**

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
**1-718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**1-347-733-7551**

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיפְ'ן סֵדֶר?........................א

אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ דִי כַּלָה וִויל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר?..........ג

מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשָׁנ'עֶן צוּ נֶעמֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ כַּלָה?..............ה

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ?................................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מִיט וָואס קֶענֶען מִיר נָאכְטוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?..............א

אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.......................................................................ב

זַיי מְקָרֵב דִי שְׁטִילֶע פַארְמַאכְטֶע מֵיידְלֶעךְ.........................ג

גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אַ גוּטֶע גֶעפִיל...........................ג

מֶען מוּז נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם..........................................ד

דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי פְּלֶעי'...............................ה

אַזֶעלְכֶע וואוֹילֶע עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.......................................................................ו

מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט..........................ז

דִי פָאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט טוּישְׁט דִי טֶבַע......ח

קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר. ......ט

נִישְׁט בַּייסְן דִי נֶעגְל..........................................יא

נִישְׁט קוֹיפְן פַאר טֵייעֶרֶער פוּן דִי וֶוערְד...........................יב

פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דִינְגֶען טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה..........................יב

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........................יג

מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִים אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. ..........................יד

עֶלְטֶער אִיז אַ מַעֲלָה בְּלוֹיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים... טו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן............ טז

גֶעבּ צְדָקָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶערְ'ן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען. ..........................יז

אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע וֶועסְטוּ אַלֵיינְס זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט..יח

גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אוּם פוּרִים....................יט

עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וָואס זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב. ............יט

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט..........................כא

לוֹיף נִישְׁט נָאךְ קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן זוּךְ נִישְׁט צוּ גֶעפֶעלְן פַאר חֲבֵרִים. ..........................כב

"הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע!" ...............כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיפְ׳ן סֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיפְ׳ן סֵדֶר פוּן אִינֶעוֵוייניג, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וואוּ אָנְצוּהוֹיבְּן אוּן וואוּ וַוייטֶער צוּ גֵיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ ווִילְסְט אָנְהוֹיבְּן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצב): ״פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ״, דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק, גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן – דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי תּוֹרוֹת זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל לִיקוּטֵי

מוֹהֲרַ"ן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיב וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל, וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיס גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד."

הוֹיבּ אָן קוֹדֶם חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', דָארְט וֶועסְטוּ זֶען הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס מְסַיֵּים זַיין זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חֵלֶק א'.

אוֹיךְ מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דִי מַעֲשִׂיוֹת וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס שְׁלָאפְט שׁוֹין, זַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין פַארְשְׁלָאפְן, בִּבְחִינַת 'אֲנִי יְשֵׁנָה', אָבֶּער דוּרְךְ דִי מַעֲשִׂיוֹת וֶוערְט 'וְלִבִּי עֵר'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (וָואס עֶר אִיז אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי עֵדִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תִּיקּוּן הַכְּלָלִי): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר, דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד."

וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט

גֶעשְׁרִיבְּן; דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן חִיזוּק פַאר יֶעדְן מַצָב, עֶס וֶועט דִיר אוֹיפְהֵייבְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, אוּן לִיכְטִיג מַאכְן פוּן אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוֹיב דִי כַּלָה וִויל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין אוֹיף לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן צוּ מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, בַּאלְד 30 יָאר אַלְט, אוּן דִי מְסוֹרָה בַּיי אוּנְז אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ אָפּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי אוּנְז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, אוּן יֶעצְט טְרָאגְט מֶען מִיר אָן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אָבֶער בַּיי זֵיי אִין דִי קְהִלָּה (אַ חֲסִידִישֶׁע קְהִלָּה) אִיז דָאס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים זִיךְ צוּ שֶׁערְן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן - אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע - טַעְנָה'ן אַז מֶען טָאר נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אוּנְזֶער מִנְהָג וָואס הָאט הֵיילִיגֶע מְקוֹרוֹת, אַל תִּטוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְן אָבֶער אַנְדֶערֶע אַז מֶען דַארְף יָא פַארְקוּקְן אוּן מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, מִיט אַ טַעְנָה אַז חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז אַ מִצְוָה עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא, אוּן דָאס קוּמְט פְרִיעֶר.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ שְׁנֶעלֶע עֶנְטְפֶער גָאר וִויכְטִיג.

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין שְׁאֵלָה אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה; פוּן אֵיין זַייט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז אַ פְרוֹי נָאךְ דִי חֲתוּנָה בְּלַייבְּט מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הָאר. דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר אִיר, פַאר אִיר מַאן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "תּוּנְבָא

לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין ווייבּ, 'דְּתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ' אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי; 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר: 'מַאן גָּרִים דָּא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס". אוּן פַּארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אִיז נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. מֶען דַארְף חַתוּנָה הָאבְּן, מֶען דַארְף מְקַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה פוּן פְּרוּ וּרְבוּ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט חַתוּנָה, זָאגְט דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין אֶבֶן הָעֶזֶר: "חַיָּב כָּל אָדָם לִשָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב חַתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים, וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת, וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט חַתוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס פַארְגִיסְט בְּלוּט אוּן אִיז גוֹרֵם אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט רוּעֶן צְווִישְׁן דִי אִידְן; בִּפְרַט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין כִּמְעַט דְרֵייסִיג יָאר - קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין וָואס פְרִיעֶר חַתוּנָה הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה אוּן הָאבּ חַתוּנָה; מֶען דַארְף חַתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, אַז מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען וֶועלְט זִיךְ בְּלַייבְּט מֶען אֵיינֶער אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב): "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעבּוֹיט פַּאלַאצְן בַּיים יַם וְכוּ', דֶער מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין ווייבּ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן; דִי וָואס עֶר

הָאט גֶעוָואלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, דִי וָואס הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט"; דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, נָאר אַרָאפּ גֵיין אַ שְׁטַאפְּל אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁידוּךְ, אַ וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְל - זָאלְסְטוּ גֵיין בְּשִׂמְחָה טוּן דִי שִׁידוּךְ אוּן וָואס פְרִיעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר, אוּן מִיט שֵׁיינֶעם וֶועסְטוּ אִיר קֶענֶען גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן זִיךְ שְׁנַיידְן דִי הָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשָׁנ'עֶן צוּ נֶעמֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ כַּלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשָׁנ'עֶן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז מְ'וִויל דַּוְקָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שִׁידוּךְ, מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וֶועלְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ כַּלָּה פוּן דִי "בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב" סְקוּל, וַוייל אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב אוֹיף דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשָׁנ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִיךְ ווִיל דַוְקָא אַ כַּלָּה פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ שוּלֶע?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּכְלָלִיּוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ עַקְשָׁן'עֶן דַוְקָא אוֹיף אַ תַּלְמִידָה פוּן 'בֵּית פֵּיגָא';

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף אַ עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל מִיט גוּטֶע מִידוֹת. אַ מֵיידְל וָואס וִויל לֶעבְּן אַ תּוֹרָה׳דִיגֶע לֶעבְּן, אַ מֵיידְל וָואס וִויל פִּירְן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן; וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וואוּ זַיין שִׁידוּךְ אִיז, אֶפְשֶׁר אִיז דִי שִׁידוּךְ עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ? דוּ קֶענְסְט בֶּעטְן אַז זִי זָאל לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגֶא אוּן זִי זָאל זִיךְ פִּירְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

דָאס וֵוייסְטוּ דָאךְ, אַז נִישְׁט יֶעדֶער בָּחוּר וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן וֶוערְן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען דַארְף טוּן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אַזוֹי אוֹיךְ, נִישְׁט יֶעדֶע מֵיידְל וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶוערְט פַארְעֶרעכְנְט וִוי אַ תַּלְמִידָה וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דַיין פָּשׁוּט׳עֶ שְׁפְּרַאךְ, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

...

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ. לְמָשָׁל וֶוען אַ חָבֵר בֶּעט מִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין עֶסְן מִיט אִים, אָדֶער אוֹיב אֵיינֶער וִויל בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מִיר, אָדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע פֶעלֶער, וֶוען סְ'קוּמְט צוּ זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת נִישְׁט טוּן, וֶועל אִיךְ עֶס אָבֶער יָא טוּן וִוי אֵיידֶער צוּ זָאגְן נֵיין פַאר יֶענֶעם.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעב זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג זָאלְסְט זִיךְ נִשְׁט פַארְפְּלָאנְטֶעֶרְן דַיין לֶעבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן מִיט אוּנְז דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִשְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיב הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם אִיז עֶס דִי וַוייבּ"; אַז חֲבֵרִים רוּפְן דִיר עֶסְן מִיט זֵיי, פָארְן מִיט זֵיי, גֵיין אוּן קוּמֶען וְכוּ', - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה אוּן נָאר גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ, אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק פָארְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן - פָאר מִיט דַיין וַוייבּ; פָארְן אוֹיף ווִיקֶעיִשְׁן מִיט חֲבֵרִים אוּן אִיבֶּער לָאזְן דִי וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִשְׁט דִי וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזֶען אוּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'".

אָפְּגֶעעֶרעדְט פוּן בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נוּצְן דַיין נָאמֶען וְכוּ' וְכוּ'; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן אוּן בַּאצָאלְן נִשְׁט, מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה.

אֵיינֶער וָואס אִיז דִיר מְחַזֵּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר גֶעבְּט דִיר עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן - מִיט אִים אִיז גוּט זִיךְ צוּ חַבֶרְ'ן, אָבֶּער אוֹיךְ מִיט אַ מָאס, מִיט אַ גְרֶעניִץ, אַז יֶענֶער הוֹיבְּט אָן אַרַיין קְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ נִשְׁט צוּ לָאזְן אַרַיין קְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אוּן בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען יֶענֶער אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם זֶעעֶנְדִיג ווִי מֶען הֶעלְפְט אִים וְכוּ', וְכוּ', גֶעבְּן זֵיי אַ זֶעקֶל אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בָּארְגְט כְּלוֹמֶר'יִשׁ אַסַאךְ גֶעלְט אוּן מִיט דֶעם עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סִיפּוּר, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פַארְוָואס גֵיין עֶסְן מִיט חֲבֵרִים? עֶס מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס מִיט דַיין וַוייבּ; גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת, פוּן דִי קַטְנוּת וָואס רוּפְט זִיךְ 'חֲבֵרִים'. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיךְ זָאל נִשְׁט וֶוערְן פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט נִשְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִשְׁט פַארְגֶעסְן אַז אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִשְׁט נָאר דִיר אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער".

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מִיט וָואס קֶענֶען מִיר נָאכְטוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען - תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אוּנְזֶער דוֹר: מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרוּקְט סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְטוּן, מִיר דַארְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דַיינֶע סְפָרִים, בִּפְרַט דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יז): "אוּן אָט מוּז אִיךְ מְגַלֶּה דַעַת זַיין בָּרַבִּים אַז פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט מֶענְטְשְׁן, פוּן יָאר ה'תשכ"ד אוּן בְּעִיקָּר פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה תשכ"ד, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, וָואס פוּן דֶעם הָאט מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעדְרוּקְט נַיין אוּן אַכְצִיג חֲלָקִים פוּנֶעם סֵפֶר שׁוּ"ת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָואס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אִיבֶּער צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָא גְרֵייט צוּם דְרוּק נָאךְ אִיבֶּער פוּפְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, זֶעט

אָפְּצוּדְרוּקְן פַאר מִיר דִי אַלֶע בְּרִיוְון, און מֶען זָאל דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל. און אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן "כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן, נָאר יֶעדֶער מֶעג און קֶען עֶס דְרוּקְן, און אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט אַ יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. וֵוייל דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, דֶערִיבֶּער אִיז ווֹאוּיל פַאר דֶער וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

...

**אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֵיינְס וָואס אִיר הָאט צוּ טוּן בְּנוֹגֵעַ הַפָּצָה וְכוּ', וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן, נָאר מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע מַאמֶעס, צֶעבְּרָאכֶענֶע וַוייבֶּער וָואס הָאבְּן קוֹים כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן - זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן און אַרַיין שַׁיינֶען אִין זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט, זֵיי זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אַייעֶר הַפָּצָה; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט און לֶעבְּט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען; אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

...

**זַיי מְקָרֵב דִי שְׁטִילֶע פַארְמַאכְטֶע מֵיידְלֶעךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

...תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶועזְן דִי זִיבֶּעטֶע מָאל 'סֵפֶר תְּהִלִּים'; דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶועזְן אִין תְּהִלִּים".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען בְּטֶבַע פַארְמַאכְט וְכוּ'; זוּךְ זֵיי אוֹיף אוּן מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ שְׁפִּילְן. אַסַאךְ מָאל מֵיינְט מֶען אוֹיף אַ מֵיידְל אַז זִי אִיז שְׁטִיל אוּן זִי ווִיל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן וְכוּ', קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט וָואס לִיגְט אוּנְטֶער אִיר שְׁטִילְקַייט, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אִיר צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ ווִי זִי שֶׁעמְט זִיךְ אַז זִי הָאט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אֵייבִּיג מְקָרֵב זַיין מֵיידְלֶעךְ וָואס זִיצְן אִין דִי זַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, וַוייל (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אַ גוּטֶע גֶעפִיל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' .

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער בָּחוּר, עֶר הָאט מַעֲלוֹת וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע. צוּם בֵּיישְׁפִּיל זַיינֶע מִידוֹת, זַיין צוּגֶעלָאזְנְקֵייט צוּ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִיז ווָאוּנְדֶערְלִיךְ, עֶר גֶעבְּט פַאר אַנְדֶערֶע אַ

גוּטֶע גֶעפִיל וְכוּ', וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ פְּרוּבִיר אִים מְקָרֵב צוּ זַיין, מִן הַסְתָּם גֶעבְּט עֶר אַייךְ אִיבֶּער אַז עֶר עֶסְט בַּיי מִיר פוּן מָאל צוּ מָאל שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "אִם כְּמִדָּתָהּ - כְּשֵׁרָה", אַז מֶען זֶעט אַ בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת אִיז שׁוֹין גוּט, דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז גוּט אוּן עֶר וֶועט זַיין גוּט; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, וַיֵּשֶׁב): "יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּעֲשֵׂיהֶם מְקֻלְקָלִים, רַק מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם אֵיזֶה מִדָּה טוֹבָה מִצַּד הַטֶּבַע, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא לֵב טוֹב, גּוֹמֵל חֶסֶד, וְעוֹשֶׂה טוֹבוֹת עִם בְּנֵי אָדָם, זֶה מוֹעִיל לָהֶם שֶׁחוֹזְרִים לְמוּטָב", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי טוּעֶן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גוּטְס אִין זִיךְ; אַ גוּט הַארְץ, זֵיי טוּעֶן חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דָאס הֶעלְפְּט זֵיי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כג, ו): "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי", 'אַךְ' אִיז אַ מִיעוּט, אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ 'אַךְ טוֹב' - אַבִּיסְל גוּטְס, דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז 'יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי, וְשַׁבְתִּי בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים'; בִּפְרַט וֶוען ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז דָאךְ אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, וֶועט אִים זַיין גוּטֶע הַארְץ זִיכֶער אוֹיפְהֵייבְּן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע שִׁידוּכִים.

...

## מֶען מוּז נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**...תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

הָאסְט מִיר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַארְ'ן מְסַיֵּים זַיין דִי דְרִיטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיר שְׁטַארְקְן אוּן גֶעבְּן כֹּחַ.

זֵייעֶר שֵׁיין צוּ לֵיינֶען וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּקְסְט נִישְׁט אוֹיף אַ

צְוֵוייטְן; דוּ לֶעבְּסְט פַאר דִיר אוּן דוּ זוּכְסְט נִישְׁט צוּ זַיין וִוי אַ צְוֵוייטְן. אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַסַאךְ עֶלְטֶער ווי דִיר לֶעבְּן נָאךְ נִישְׁט זֵייעֶר עֶכְטֶע לֶעבְּן, זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען זַיין וִוי אַ צְוֵוייטְן; רוֹב טָאג טְרַאכְטְן זֵיי פוּן אַנְדֶערֶע, פוּן מִשְׁפָּחָה, חַבֶר'טֶעס, שְׁכֵנִים אוּן נָאךְ. דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי קָאפּ וֵויי אוּן דִמְיוֹנוֹת, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע דְרוּק (פְּרֶעשְׁוּ"ר) בִּיז מֶען פַאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת.

אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם, אִיז אַ מְחַיֶּ' דָאס לֶעבְּן; דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע"; עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וִויפִיל עֶר פַארְדִינְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ - דֶעמָאלְט פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְדְרֵייט אַ קָאפּ מִיט דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.) דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיבְן נֶעמֶען, הַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען אִים צוּ גֶעבְּן אַן אַכְטֶע נָאמֶען, אַ נַייעֶ נָאמֶען: 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה', עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס; עֶר בְּרֶענְגְט אַריין אִין אַ מֶענְטְשׁ אוּמְזִיסְטֶע שְׁרֶעק מִיט דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּרֶעשׁוּר פוּן אַרוּמִיגֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי פְלֶעי.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

...תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס; זֵיי זָאגְן מִיר וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דוּ זִיצְט אִין כִּתָּה מִיט כָּבוֹד, דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט וֶועגְן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

...תְּחִיֶ', שְׁפִּיל זִיךְ שֵׁיין מִיט דַיינֶע חַבֶר'טֶעס, שְׁפִּיל מִיט יֶעדֶע מֵיידְל, מַאךְ

נִישְׁט קַיין אוֹיסְנַאם, דוּ זַיי יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס חַבֵר׳טֶע, וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי עֶלְסְטֶע קְלַאס פוּן בֵּית פֵּיגֶא לִיבֶּערְטִי זָאלְן אַרַיין קוּמֶען זוּנְטָאג אִין שְׁטָאט צוּ דִי פְּלֶעי וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן בֵּית פֵּיגֶא ווִילִיאַמְסְבּוּרְג שְׁטֶעלְן פָאר, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער מִיטְ׳ן אֶרֶעמַאן, דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט. אִיךְ וֶועל זָארְגְן פַאר עֶנְק אִיר זָאלְט הָאבְן פְּלֶעצֶער אוּן אַ וֶועג אַהִין אוּן צוּרִיק אַהֵיים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**...תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הֶעלְפְן טָאג אוּן נַאכְט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי דוּ מֵיינְסְט אַז מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען אַוֶועק דַיינֶע עֶלְטֶערְן פוּן דִיר אוּן וֶוען נִישְׁט דִי מֶענְטְשְׁן וָואלְסְטוּ מֶער גֶעקֶענְט פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, נָאר וֶוען זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה.

קִינְדֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְן גָארְנִישְׁט מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין גֶעלְט; מֶען טְרַאכְט וואוּ מֶען קֶען מַאכְן נָאךְ אַ דָאלֶער, וואוּ מֶען קֶען זִיךְ בּוֹיעֶן אַ נָאמֶען וְכוּ׳, אוּן אַנְדֶערֶע שְׁטוּתִים; ווִידֶער דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לַייבּ אוּן לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, זֵיי בְּרֶענְגֶען דוּרְכְדֶעם נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיינֶע חָשׁוּב׳עֶ עֶלְטֶערְן; דוּ וֶועסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶע מְפִיצָה, דוּ וֶועסְט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ תַּלְמִידָה פוּן אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא". דוּ וֶועסְט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, דִי גְרוֹיסֶע הֶעלְדְן

פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט זַיין טָאכְטֶער אָדֶל (דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּאבֶּע) אוּן אִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶערִימְט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדֶקֶת אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעטְרַאכְט: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' דָאס זָאל זַיין דַיין גַאנְצֶע ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן, צוּ הֶעלְפְן נָאךְ אִידְן זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס מִיר לֶעבְּן.

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוּן אִיךְ וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד צוּ זֶען וָואס גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִיר.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, שְׁרַייבּ מִיר לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ; מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיווּ פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אַלֶע בְּרִיוו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בּוּשָׁה, סִימָן ט): "תְּצַיֵּר לְפָנֶיךָ אוֹתִיּוֹת אֱמוּנָה", מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם וָוארְט אֱמוּנָה, "וּבָזֶה לֹא יָבוֹא עָלֶיךָ שׁוּם בּוּשָׁה", וֶועט מֶען נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט.

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, זִינְג זִיךְ נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִינְג: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט גֵיין אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער רֶעדְן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַייעֶנְדִיג אַלֵיינְס אִין דִי פּוּסְטֶע וֶועלְדֶער הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ׳, הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". עֶר הָאט דָאס גֶע׳חַזֶר׳ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער שֵׁיינֶער נִיגוּן; דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, זִינְג דִיר נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אַ גַאנְצְן טָאג, וֶועט דִיר וֶוערְן דִי אֱמוּנָה זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם.

...

**דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט טוֹישְׁט דִי טֶבַע.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**...תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע הָאר זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְן גֶעזוּנְטֶע הָאר בִּיז דַיין חֲתוּנָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע הָאר זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן"**, וֶועסְטוּ זֶען אָפֶענֶע נִיסִים; תְּפִילָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג, דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט טוֹישְׁט דִי טֶבַע.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תלט), וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ׳ס לֶעבְּן, שְׁנַת תקע״א, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן אַן אֵיינִיקְל - יִשְׂרָאֵל׳יִק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער - דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "דַאוֶוען פַאר מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: "וָואס וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "עֶר פִירְט זִיךְ שׁוֹין ווִי אַ גוּטֶער אִיד", (אַזוֹי פְלֶעגְט מֶען דֶעמָאלְט רוּפְן אַ רֶבִּי - 'אַ גוּטֶער אִיד'), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן זַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער; יִשְׂרָאֵל׳יִק הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "גָאט גָאט! לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט", אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס

זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאבְּן זִיךְ צוּלַאכְט, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: ״וָואס לַאכְט אִיר, וָואס דֶען אִיז תְּפִילָה?!״ זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט מֵיינֶענְדִיג צוּ פְרֶעגְן: ׳דָאס מֵיינְט תְּפִילָה? אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער?!׳ הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: ״וָואס דֶען אִיז תְּפִילָה?!״ דָאס אִיז תְּפִילָה! פָּשׁוּט׳עֶ וֶוערְטֶער פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע זַאכְן וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ; זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם.

...

**קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיר וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ; דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָאר, פַארְוָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ בְּשָׁעַת וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי עֶרְלִיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין סֶעלְפָאוֹן, דוּ זִיצְט אִין יְשִׁיבָה, דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּ פְרֶעגְסְט זִיךְ: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ׳?

וִויסְן זָאלְסְטוּ טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר אֵיינֶעם שְׁנֶעלֶער אוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן נֶעמְט עֶס לֶענְגֶער, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, אֵיינֶער הָאט עֲשִׁירוּת, דֶער צְוֵוייטֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דַחְקוּת אוּן עֲנִיוּת, אֵיינֶער הָאט קִינְדֶער אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אֵיינֶער בַּאקוּמְט זַיין שִׁידוּךְ בְּשָׁעַת דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְן, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר גוּט; דֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ". וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶּער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִּירְט - ווּאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַּאר זַיין טוֹבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, מִיט דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה אוּן מִיט דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טוּנְקֶעלֶע טֶעג, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר, דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ וְכוּ' וְכוּ', נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס! עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, וֶוען? וֶוען אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָּה הָאבְּן אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ הֵיילִיגֶע לֶעבְּן, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן? אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי צַדִּיקִים, אִיךְ זָאל וַוייטֶער טוּן דִי סְגוּלוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אָן קַיין חָכְמוֹת, אָן קַיין בִּלְבּוּלִים".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער: "קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן: "קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר", נָאר דִי צַדִּיקִים, זֵיי וֵוייסְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוֵויינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן חֲתוּנָּה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער. אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי רַאטֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי דוּ בֶּעסְט אִים אוּן וִוי דוּ מוּטְשֶׁעסְט אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## נִישְׁט בַּייסְן דִי נֶעגְל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**...תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל עֶנְטְפֶערְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ אַ מֵיידְל פוּן צֶען יָאר דַארְף לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַארְ׳ן גֵיין שְׁלָאפְן.

אַן עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין; דַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶע מֵיידְל, זִי טְשֶׁעפֶּעט דִיר נִישְׁט אוּמְזִיסְט. עֶס קֶען זַיין אַז דוּ רֵייצְט זִיךְ מִיט אִיר, דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן אִיר דֶעמָאלְט טְשֶׁעפֶּעט זִי צוּרִיק. אַז דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין אַזוֹי וִוי דִי הַלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כב; עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה חֵלֶק ג׳, סִימָן רמ; בֶּן אִישׁ חַי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, סְעִיף כט) אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, וֶועט זִי דִיר מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

וֶועגְן פְּחָדִים בַּיינַאכְט וְכוּ׳; אַז דוּ וֶועסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען, דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט בַּיינַאכְט (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כָּל כִּתְבֵי) פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דִי פְּסוּקִים ווָאס מִיר זָאגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע: ״יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן, בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן, אֹמַר לַה׳ מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ״, דָאס הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי פְּחָדִים פוּן אִים.

בַּייסְן דִי נֶעגְל אִיז נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, בִּפְרַט פַאר אַ מֵיידְל; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ בַּייסְן דִי נֶעגְל. נֶעם נִישְׁט דַיינֶע פִינְגֶערְס אִין מוֹיל, עֶס פַארְעֶקְלְט מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אַ מֵיידְל דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ צֵייגְן גוּט.

יֶעדֶע זַאךְ ווָאס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; רֶעד צוּ אִים יֶעדֶע זַאךְ וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**נִישְׁט קוֹיפְן פַאר טֵייעֶרֶער פוּן דִי וֶוערְד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג פַאר דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם פַארְם אַז עֶר קֶען עֶס פַארְקוֹיפְן פַאר וֶועם עֶר וִויל; מִיר וֶועלְן דָאס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר אֵיין דָאלֶער מֶער וִויפִיל עֶס אִיז וֶוערְד, אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען וואוֹינֶען פַאר בִּילִיג, אִינְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא; אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶע הַייזֶער וֶועלְן פַארְקוֹיפְט וֶוערְן פַאר זֵייעֶר בִּילִיג, אָבֶער נָאר אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַוארְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן וְכוּ׳.

דִי אַלֶע וָואס קוֹיפְן פַאר טֵייעֶר אוּן הֵייבְּן דִי פְּרַייז וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס מָאנֶען פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא צ:): "מַפְקִיעֵי שְׁעָרִים - עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר (עָמוֹס ח, ז): "נִשְׁבַּע ה׳ בִּגְאוֹן יַעֲקֹב אִם אֶשְׁכַּח לָנֶצַח כָּל מַעֲשֵׂיהֶם", דִי אַלֶע וָואס הֵייבְּן דִי פְּרַייזְן, אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַארְגֶעסְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים".

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז הָאבְרֵךְ ... גֵייט אוּנְטֶער אוּנְזֶער רוּקְן, עֶר וִויל קוֹיפְן ...׳ס הוֹיז; זָאג אִיךְ דִיר קְלָאר אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת קִינְדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוֹיפְן אַלֵיינְס וְכוּ׳, אִין דִי מוֹסְדוֹת וֶועלְן נָאר קֶענֶען זַיין קִינְדֶער פוּן דִי וָואס קוֹיפְן דוּרְךְ דִי וַעַד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל.

גֶעדֶענְק, אַ וָוארְט אִיז אַ וָוארְט.

...

**פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דִינְגֶען טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייעֶר זוּן, הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע שְׁנוּר פַאר אַ כַּלָה, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא. אַ כַּלָה מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַ כַּלָה וָואס צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס מִיט צְנִיעוּת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי אוּן בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אַז דִי חֲתוּנָה וֶועט פָארְקוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין יְשִׁיבָה פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ'; עֶס קְלֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן פְּלַאץ, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קוּמְט מֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע פָּשׁוּט'עֶ קְלֵיידֶער, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דִינְגֶען קְלֵיידֶער פַאר דִי פָּאר שָׁעָה.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת זֶעט מֶען אַז דָאס אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע מִנְהָג; עֶס הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָנְצוּטוּן פַאר דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי גֶעשְׁוְוִיסְטֶער, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קְהִלָּה דָאס וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען, אִיר וֶועט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ וַוייזְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, אָן קַיין זַייטִיגֶע זַאכְן נָאר טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד ת"ת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן דִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, מִשְׁנַיוֹת, הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא חוּץ פוּנֶעם דַף גְמָרָא אוּן דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

הוֹיבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (עֶר אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אַז וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן קֵיין אוּמַאן, אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְצוּעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית), בְּזֶה הַלָּשׁוֹן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער חַבֵר, אָט דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד."

זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד אוּנְטֶער דַיין שְׁטוּבּ, גֵיי שְׁמוּסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק; אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין קֵיין אֵיין רֶגַע פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר".

גֶעב אַ גְרוּס דַיין טַאטֶע'ן; דוּ הָאסְט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאלְסְט זֵיי הֶעלְפְן אוּן בְּרֶענְגֶען נַחַת.

...

### מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִים אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

...תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים; דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִים", אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין צַייט זָאגְסְטוּ וִויפִיל דוּ קֶענְסְט אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶלְפְטֶע מָאל תְּהִלִים.

אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִים אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן אֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין דַיין

גַאנְץ לֶעבְּן.

...

דִי בִּילְדֶער וָואס דוּ מָאלְסְט אוֹיפְ'ן בְּרִיוו אִיז זֵייעֶר שֵׁיין; יֶעדֶעס מָאל דוּ עֶנְדִיגְסְט נָאךְ אַמָאל תְּהִלִּים, שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו מִיט שֵׁיינֶע בִּילְדֶער.

### עֶלְטֶער אִיז אַ מַעֲלָה בְּלוֹיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

...תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער פוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁעְרְס אוּן פוּן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר.

בְּנוֹגֵעַ אַז עֶס לֶערְנֶען עֶלְטֶערֶע מִיט יוּנְגֶערֶע אִין אֵיין כִּתָּה וְכוּ'; בַּיי תַּלְמִידוֹת פוּן "בֵּית פֵּיגָא" מַאכְט נִישְׁט אוֹיס דִי יָארְגַאנְג וִוי אַלְט אָדֶער וִוי יוּנְג מֶען אִיז, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער אַז מֶען זִיצְט מִיט יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט עֶלְטֶער וֶוען מֶען זִיצְט מִיט עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, מֶען מֶעסְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיינֶע יָארְן, עֶלְטֶער אִיז אַ מַעֲלָה בְּלוֹיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִנִּים ג, ו) וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען נִישְׁט קְלוּגֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר, נָאר אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי תּוֹרָה; דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וִוי מֶער זֵיי עֶלְטֶערְן זִיךְ, "דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן", וֶוערְן זֵיי מֶער בַּאזֶעסְן אוּן קְלוּג, אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט - אוּן לֶעבְּן נִישְׁט - מִיט דִי תּוֹרָה, בַּיי זֵיי אִיז פַּארְקֶערְט, "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וִוי עֶלְטֶער זֵיי וֶוערְן, "דַּעְתָּן מִטָּרֶפֶת עֲלֵיהֶן", אַלְץ מֶער נַארִישׁ וֶוערְן זֵיי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דִיר, עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן צוּ זִיצְן אִין אֵיין כִּתָּה מִיט יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ; דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין מַעֲלָה אַז מֶען אִיז עֶלְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רו): וִוי יוּנְגֶער מֶען אִיז הֶערְט מֶען בֶּעסֶער דִי קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בֶּעט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ: "קוּם צוּרִיק", "טוּ תְּשׁוּבָה"; אַזוֹי וִוי אַ שֶׁעפֶעלֶע וָואס הוֹיבְּט אָן אַוֶועק

גֵיין פוּנֶעם פַּאסְטוּךְ, גֶעבְּט דֶער פַּאסְטוּךְ אַ פַּייף מִיט זַיין פַייפֶער אַז דִי שֶׁעפֶּעלֶע זָאל צוּרִיק קוּמֶען, וְוי מֶער דָאס שֶׁעפֶּעלֶע גֵייט, וְוי מֶער זִי דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּנֶעם פַּאסְטוּךְ הֶערְט זִי וֶוייניגֶער דָאס קוֹל פוּנֶעם פַּאסְטוּךְ; אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וְוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט הֶערְט מֶען וֶוייניגֶער דֶעם קוֹל וָואס בֶּעט דֶעם מֶענְטְשׁ: "זַיי וואוֹיל", "זַיי עֶרְלִיךְ", "זַיי אֵיידְל."

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען אִין דַיינֶע בְּרִיוו אַז עֶס אִיז דִיר שׂוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק מִיט וֶועם דוּ זִיצְט - מִיט יוּנְגֶערֶע צִי מִיט עֶלְטֶערֶע.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קטו) מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיט אַ צַדִיק, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועריקַייטְן וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר מְבוּלְבָּל, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אַ צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי צָרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם נֶעפְּל, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אִין אַ נֶעפְּל; פַּארְקֶערְט, מֶען גֵייט נֶענְטֶער צוּם נֶעפְּל אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח): "וַיַּעֲמֹד הָעָם 'מֵרָחֹק', - כִּי כְּשֶׁרוֹאִין הָעֲרָפֶל, הַיְנוּ הַמְּנִיעָה, עוֹמְדִין מֵרָחֹק", דָאס הֵייסְט, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב צוּם צַדִיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מְנִיעָה שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וּמשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דַּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, הַיְנוּ אֶל הַמְּנִיעָה, שֶׁבָּהּ בְּעַצְמָהּ נִסְתָּר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אָבֶּער דֶער צַדִיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן דָאס לֶערְנְט עֶר אוֹיס פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריקַייטְן זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאףְ אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## גֶעבּ צְדָקָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶערְ'ן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן ...תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן וְכוּ', זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה פַאר עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.) וֶוען מֶען שִׁיקְט יְסוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאשְׁוֶוערְט מֶען דִי יְסוּרִים וֶוען זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִים, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ וֶועלְכֶע דָאקְטֶער אוּן דוּרְךְ וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין עֶר זָאל אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן; פְּרֶעגְט דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ בִּכְלַל גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר אִיז בִּכְלַל דֶער דָאקְטֶער וָואס מֶען הָאט בַּאשְׁוואוּירְן אִים אוֹיס צוּ הֵיילְן, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּן אַ מֶעדֶעצִין וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער סַם וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַארְ'ן חוֹלֶה וְכוּ'? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ פִּדְיוֹן דֶעמָאלְט וֶועט דֶער דָאקְטֶער אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן".

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג פַאר דוּ נֶעמְסְט דִי מֶעדֶעצִינֶען גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה (אִיךְ שִׁיק דִיר מִיט אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע מִיט דַיין בְּרִיוו), לֵייג אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, דֶער רֶבִּי וֶועט מַאכְן אַ פִּדְיוֹן פַאר דִיר, אוּן נָאכְ'ן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִילָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן, מֶען זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲסָדִים, אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; דוּ בִּיסְט דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן, דוּ הֵיילְסְט אוֹיס אַלֶע קְרַאנְקֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, כִּי אֵל מֶלֶךְ רוֹפֵא נֶאֱמָן וְרַחֲמָן אָתָּה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן, אִיךְ וִויל טְרֶעפְן מַיין זִיווּג; נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

טוּ וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע וֶועסְטוּ אַלֵיינְס זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק אַלֶע אִינְגֶעלַייט; אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע וֶועסְטוּ אַלֵיינְס זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קו): "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין, עֵצָה לָזֶה, שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט שְׁטַארְקְן זָאל מֶען רֶעדְן חִיזּוּק צוּ אַנְדֶערֶע, דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַזֵּק אַ צְווֵייטְן וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָּק.

זַיי מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער אִין שְׁטֶעטְל אַז דֶער גְרַאסֶעְרִי מַאן אִין ... וֶועט פוּן הַיינְט אָן לָאזְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן פַאר אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל דָאס טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג מְזוּמָן, זַיי זָאלְן קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן - אוּן בַּאצָאלְן וֶוען זַיי וֶועלְן הָאבְן.

אִיךְ הָאף מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף צוּ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים -

שַׁבָּת שְׁקָלִים אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ פַּארְשְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אוּם פּוּרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י״ז שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**...תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן פוּן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְן פּוּרִים; אַז דוּ וֶועסְט צְוֶועלְף יָאר אוּם תַּעֲנִית אֶסְתֵּר דַארְפְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן, דָאס קֶענְסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן פַאר דַיינֶע קְלֵיינֶע בְּרִידֶערְס אוּן שְׁוֶועסְטֶערְס.

אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן סְקוּל, אוֹיפְ׳ן בָּאס - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן דַיין טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע מִיט וָואס זִי דַארְף. אַז אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן זֵייעֶרֶע זַאכְן וְכוּ׳, דַארְף עֶס דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין, דוּ רוּ זִיךְ אָפּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וָואס זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִם יִרְצֶה ה׳ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג וֶועט פָארְקוּמֶען דִי פְּלֶעי וָואס תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא שְׁטֶעלְן פָאר; הֶעלְף דַיין וַוייבּ זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי פְּלֶעי, זִי וֶועט אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַסַאךְ חִיזוּק. זוּנְטָאג וֶועט מֶען שְׁפִּילְן צְוֵויי מָאל דִי

פְּלֶעי, נָאכְמִיטָאג אוּן בַּיינַאכְט; זֶע וֶוען עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִיר אוּן הֶעלְף אִיר זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

רוּף דַיין מַאמֶע מִיט דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, זֵיי וֶועלְן אַלֶע הַנָאָה הָאבְּן; דִי פְּלֶעי אִיז נִישְׁט אַ פְּלֶעי פוּן סְתָּם אַ בַּאבֶּע-מַעֲשֶׂה, מֶען טוּט פָארְשְׁטֶעלְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בֶּערְגֶער מִיטְ'ן אָרֶעמַאן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י). דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה): "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז גוּט אַיינְצוּשְׁלָאפְן מִיט דֶעם, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף"; דִי מַעֲשִׂיּוֹת בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב; רוּף דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, דַיינֶע מוּמֶעס, בַּאהַאלְט זִיךְ נִישְׁט אִין אַ לָאךְ; אַלֶע נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער אִיז מוֹדֶה אוּן אַ צְוֵוייטֶער בַּאהַאלְט דָאס, אָבֶּער יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט הַיינְט פוּן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, פוּן וֶועמֶען זָאלְן מִיר זִיךְ שֶׁעמֶען!?

אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן בַּיי אַ שָׁלוֹם זָכָר אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אָבֶּער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אוּן אִיז גֶעזִיצְן שְׁטִיל, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ר' נַפְתָּלִי וָואס שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ? 'בִּשְׁבִילֵנוּ נִבְרָא הָעוֹלָם' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת יא, יב): "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" - כָּל הָעוֹלָם נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִיל זֶה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דֶעם צַדִּיק".

שֶׁעמֶען דַארְפְן זִיךְ דִי וָואס גֵייעֶן צוּ אַ רֶבִּי וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען גֵייט אוּן וָואס מֶען הָאט וְכוּ', וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין (גוּטֶער יוּד) כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים?!" וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס וָואס דִי חֲסִידִים קוּמֶען צוּ זֵיי אוּן וֵוייסְן נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען אוּן וֶוען זֵיי גֵייעֶן, גֵייעֶן זֵיי אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, נָאכְדֶעם קוּמֶען זֵיי נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן זֵיי וֵוייסְן זֵיי נָאכְאַמָאל נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, "אֲבָל אֲנִי לֹא רָצִיתִי בְּכָל זֶה, רַק לָקַחְתִּי עַצְמִי לַעֲסֹק בָּזֶה לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב", אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַבִּי אִיר זָאלְט זַיין גוּטֶע אִידְן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב וָואס אַלֶע

תַּלְמִידִים דַארְפְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער; מִיר זֶענֶען שׁוֹין שׁוּלְדִיג דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַפָּאר וָואכְן גֶעהַאלְט און אִיךְ זֶע נִישְׁט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ רַאפֶּעל, אַ וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד. מֶענְטְשְׁן קוֹיפְן רַאפֶּעלְס, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב. דֶער גוֹרָל וֶועט פָּארְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַ וָואךְ נָאךְ פּוּרִים, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נֶעמֶען אַפָּאר בִּיכֶער און גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר נִישְׁט דַיין גֶעלְט, אִיךְ בֶּעט דִיר סַךְ הַכֹּל זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט.

מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט טוּן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, מִיר זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת מִיט דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִם יִרְצֶה ה' אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת תְּרוּמָה וֶועט פָּארְקוּמֶען אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין יְשִׁיבָה, אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אָוֶוענְט, אַ פְּרִיוַואטֶע פַארְבְּרֶענְג פַאר אַלֶע יוֹצְאֵי הַיְשִׁיבָה, אַבְרֵכִים און בָּחוּרִים; לֵייג אַוֶועק דֶעם דַאטוּם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצְאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג (פְּלֶעי) וָואס אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת פוּן "בֵּית פֵיגָא" שְׁטֶעלְן פָאר; אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י), דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער מִיטְ'ן אָרֶעמַאן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אוֹיף פוּן שְׁלָאף; אֲפִילוּ וֶוער עֶס שְׁלָאפְט, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז אִים אַזוֹי וִוי אַ חָלוֹם. זֶע צוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אַז זֵי זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן, זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף.

מֶען וֶועט שְׁפִּילְן דִי פְּלֶעי דְרֵיי מָאל, מָארְגְן נָאכְמִיטָאג, מָארְגְן נַאכְט און נָאכְאַמָאל מָאנְטָאג נַאכְט, אִין דִי זַאלְן פוּן עֶדְן פַּאלֶעס, דֶער בִּנְיָן נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד כַאפְּן אַ שֵׁיינֶעם הֶערְשׁ, פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוַארְצֶע וָואלְקֶענֶעס, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גָאס רֶעגְן, אַלֶע וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קֶענִיג הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אַהֵיים גֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, אַז אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר צוּרִיקְגֵיין, אִיךְ בְּלַייבּ דָא", דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס ווִיל קֶען צוּרִיקְגֵיין".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אִיךְ בְּלַייבּ מִיט מוֹהֲרָא"שׁ ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וָואס אִיז דֶער הֶערְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל כַאפְּן? צְבִ"י - בַּאטְרֶעפְט 102, אַזוֹי אוֹיךְ אֱמוּנָ"ה - אִיז 102, דֶער רֶבִּי ווִיל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים, אַבִּי מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן לְתַקֵן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַי.

בְּרֶענְג דַיינֶע טֶעכְטֶער צוּם פְּלֶעי, זָאלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם ווִיסְנְשַׁאפְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית - נָאר צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא; צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה און צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען ווִיל סֵיי וָואס.

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ רַאפֶּעל בִּיכְל, אִיךְ ווִיל דִיר עֶס גֶעבְּן; מִיט אַבִּיסְל מִי קֶענְסְטוּ מִיר אַסַאךְ הֶעלְפְן.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

**לוֹיף נִישְׁט נָאךְ קַיין מֶענְטְשְׁן און זוּךְ נִישְׁט צוּ גֶעפֶעלְן פַאר חֲבֵרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס קוּמְט אַ טָאג וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיינְס; אָן קַיין חֲבֵרִים, אָן קַיין גוּטֶע פְרַיינְט, אָן קֵיינֶעם. נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס דוּ הָאסְט אַרַיין גֶעכַאפְּט יֶעדְן טָאג וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט דִיר.

חֲבֵרִים - אִיז אַ פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ, חֲבֵרִים - אִיז אַ פַארְדְרֵייעֶנִישׁ, לֶעבְּן פַאר חֲבֵרִים אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט; זִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת פַאר אַנְדֶערֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת. פַאר דֶעם שֵׂכֶל אַלֵיינְס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלוֹינְט פַאר מִיר צוּ קוּמֶען צוּ מוֹהַרְא"שׁ, נָאר פַאר דֶעם אַלֵיינְס מִיר זָאלְן וִויסְן נִישְׁט נָאכְצוּלוֹיפְן קַיין מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - פַאר חֲבֵרִים, פַאר דֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט מְקוּרָב צוּ וֶוערְן.

אַז דוּ אַרְבֶּעסְט נִישְׁט זוּנְטָאג, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ.

הַיינְט קוּמְט פָאר דִי פְּלֶעי פוּן אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא; הֶעלְף דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי פְּלֶעי, זִי וֶועט אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַסַאךְ חִיזוּק. הַיינְט וֶועט זַיין צְוֵויי מָאל דִי פְּלֶעי, נָאכְמִיטָאג אוּן בַּיינַאכְט; זֶע וֶוען עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִיר אוּן הֶעלְף אִיר זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר רַאפֶּעלְס; נֶעם אַ חֵלֶק אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַארְ'ן מוֹסָד, פַארְ'ן חֵדֶר, מֵיידְל סְקוּל, כּוֹלֵל, הַדְפָּסָה, יְשִׁיבָה וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר נִישְׁט דַיין אֵייגְן גֶעלְט, אִיךְ בֶּעט דִיר סַךְ הַכֹּל זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט.

...

"הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע"!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶעבִּי וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי טִיפְסְטֶע אָפְּגְרִינְד;

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע! הֶעלְף מִיר, אִיךְ וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...